## קאַפּיטל פערצן

1 שטרעבט נאָך דער ליבע; און אייפערט אויף
די רוחניותדיקע מתנות, נאָר ליבער, אַז איר
2 זאָלט נבֿואות־זאָגן. וואָרום דער, וואָס רעדט אויף אַן
(אומבאַקאַנט) לשון, רעדט נישט צו מענטשן, נאָר
צו ג־ט; ווייל קיינער איז נישט משיג, און ער רעדט
3 סודות אינם גייסט. דער אָבער, וועלכער זאָגט־
נבֿואות, רעדט צו מענטשן צו דערבויאונג, און מוסר,
4 און טרייסט. ווער עס רעדט אויף אַ לשון, דער
דערבויט זיך אַליין; און דער, וואָס זאָגט־נבֿואות,
5 דערבויט די קהלה. און איך וויל, אַז איר זאָלט אַלע
רעדן מיט לשונות, אָבער נאָך מער, אַז איר זאָלט
נבֿואות־זאָגן; און גרעסער איז דער, וואָס זאָגט
נבֿואות, ווי דער, וואָס רעדט מיט לשונות, אַ חוץ
אַז ער זאָל אויך פֿאַרטייטשן, כּדי די קהלה זאָל
6 באַקומען דערבויאונג. און איצט, ברידער, ווען
איך זאָל קומען צו אייך, רעדנדיק מיט לשונות,
וואָס וועל איך אייך (דערמיט) העלפֿן, אויב איך וועל
נישט רעדן צו אייך, צי דורך אַן אַנטפּלעקונג,
אָדער דורך דערקענטעניש, אָדער מיט נבֿואה, אָדער
7 לערנונג? יאָ, אַפֿילו די נישט־לעבעדיקע זאַכן, וואָס
געבן אַרויס אַ קלאַנג, זאָל עס זיין די פֿלייט אָדער
די האַרפֿע, ווען זיי מאַכן נישט קיין חילוק אין די
טענער, וויאַזוי וועט מען דערקענען, וואָס מען
8 שפּילט אויף דער פֿלייט אָדער האַרפֿע. וואָרום ווען
דער טרומייט זאָל געבן אַן אומדייטלעכן טאָן, ווער
9 וועט זיך צוגרייטן צו דער מלחמה? און אויך אַזוי
איר, ווען איר זאָלט נישט געבן דורך דער צונג אַ
לייכט פֿאַרשטענדלעך וואָרט, ווי אַזוי וועט מען